**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט GE VERNOVA פלאנירט צו אינוועסטירן 96 מיליאן דאלאר צו טרייבן ענערגיע ערפינדונג ביי פארגעשריטענע פארשונג צענטער אין ניסקאיוּנא**

***פירמע פארשפרעכט צו שאפן 75 נייע דזשאבס ביי סקענעקטעדי קאונטי לאקאציע***

***צענטער וועט ערמעגליכן טעכנאלאגישע פארשריט, אריינרעכענענדיג פארמינערן קארבאן באנוץ, אלטערנאטיווע ברענשטאף פאר עלעקטריציטעט אויפטרייבונג, די 'גריד פון די צוקונפט' און זיכערהייט פון קריטישע אינפראסטרוקטור***

***אינוועסטירונג שטיצט ריינע ענערגיע ערפינדונגען צו אראפנידערן קאסטן און אויסברייטערן צוטריט צו אפֿאַרדעבעל, ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע עלעקטריציטעט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז GE Vernova האט זיך פארפליכטעט צו אינוועסטירן צום ווייניגסטנס 96 מיליאן דאלאר אין די פירמע'ס פארגעשריטענע פארשונג צענטער אין ניסקאיוּנא (Niskayuna), סקענעקטעדי קאונטי. די פירמע פלאנירט צו שאפן 75 נייע דזשאבס אויפן ארט, פארשטערקערנדיג די צענטער'ס עלעקטריציטעט באנוץ און קארבאן פארמינערונג באמיאונגען, בשעת'ן פאראויס שטופן טראנספארמאטיווע טעכנאלאגיעס אריינרעכענענדיג אוועקנעמען קארבאן דייאקסייד, אלטערנאטיווע ברענשטאף פאר עלעקטריציטעט אויפטרייבונג און צו אנטוויקלען די 'גריד פון די צוקונפט'. די היינטיגע אנאנסירונג וועט שטיצן טעכנאלאגישע פארשריט וועלכע רעדוצירן עמיסיעס און טרייבן ניו יארק סטעיט צו א צוקונפט וואו ריינע ענערגיע טוט נישט נאר פארשטערקערן די סטעיט'ס עקאנאמיע, נאר וואו עס טוט אויך אפשפיגלען די סטעיט'ס געמיינזאמע פארפליכטונג צו ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט און גלעכגהייט.

"די צוקונפט פון ריינע ענערגיע ברענגט נייע אינוועסטירונגען, שיין-באצאלטע דזשאבס און א ריינערע סביבה צו אונזער סטעיט, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט GE Vernova אזוי ווי מיר שטופן פאראויס אונזער געמיינזאמע חזון אין ניסקאיוּנא (Niskayuna) און ווייטער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק ווערט א פירנדע מעניופעקטשורינג און R&D צענטער פאר ריינע ענערגיע, אונז ברענגענדיג נאענטער צו עררייכן אונזער קלימאט אגענדע און צו בויען א בעסערע און ריינערע צוקונפט פאר פילע קומענדיגע דורות."

די פירמע האט פארשפראכן צו אינוועסטירן צום ווייניגסטנס 96 מיליאן דאלאר, און זי פלאנירט צו בויען צוויי נייע פארגעשריטענע לאבארעטאריעס וועלכע וועלן זיין קאנצענטרירט אויף עלעקטריציטעט באנוץ און רעדוצירטע קארבאן באנוץ; צו אויסברייטערן זייערע עקזיסטירנדע איינריכטונגען; און צו אויפרעכטן צוויי אנדערע געביידעס ביי די אויפן-ארטיגע באניבארע ענערגיע לערנונג צענטער אין שטיצע פון אירע ריינע ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג באמיאונגען. די פירמע האט זיך פארפליכטעט צו שאפן צום ווייניגסטנס 75 נייע פול-טיים דזשאבס ביי די פארגעשריטענע פארשונג צענטער. עמפייער סטעיט

דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) האט צוגעשטומט צו צושטעלן ביז אזויפיל ווי 9.635 מיליאן דאלאר אין טעקס קרעדיטס פון דעם Excelsior Jobs פראגראם – וואס ווערן געגעבן אויפן תנאי אז די פירמע וועט ערפילן אירע דזשאבס פארשפרעכן – צו שטיצן GE Vernova'ס באמיאונג צו שאפן דזשאבס. אין צוגאב, איז די סקענעקטעדי קאונטי מעטראָו-פלעקס דעוועלאפמענט אויטאריטעט (Schenectady County Metroplex Development Authority) פארבעטן געווארן צו אפּלייען פאר FAST NY גרענט פינאנצירונג צו שטיצן צוקונפטיגע אויפן-ארטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

**GE Vernova וויצע פרעזידענט פאר פארגעשריטענע פארשונג, David Vernooy (דעיוויד ווערנאָי), האט געזאגט,** "GE Vernova איז פארפליכטעט צו פארשטערקערן איר ערשט-קלאסיגע פארשונג און אנטוויקלונג צענטער וואס איז אויסגעשטעלט צו פאראויס שטופן די וועלט'ס פארשריט אין די אריבערגאנג פון ענערגיע [צו ריינערע מקורות], פארזעצנדיג אונזער לאנגע היסטאריע פון ערפינדונג דא אין דעם הויפטשטאט ראיאן. די אינוועסטירונג ציהלט צו ערמעגליכן טראנספארמאטיווע טעכנאלאגיעס דורך פארגעשריטענע לאבארעטאריעס, א נייע קליענטן ערפארונג צענטער און א פלאץ פאר צוזאמענארבעט צו פאראויס שטופן שותפות'ן צווישן רעגירונגען, קליענטן, פירער אין געדאנקען און ערפינדער צוגלייך. מיר זענען גרייט צו האלטן די לייצעס, און מיר זענען באגייסטערט איבער די דורכברוכן וואס די אינוועסטירונג וועט ארויסברענגען."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו אינוועסטירן אין די פירמעס, טעכנאלאגיעס און דזשאבס פון די צוקונפט צו שטופן פאר אנהאלטנדע עקאנאמישע וואוקס. GE Vernova'ס פארגעשריטענע פארשונג צענטער האט א רייע היסטאריע פון פארגעשריטענע אנטוויקלונגען, און די אינוועסטירונגען וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן שאפן נייע דזשאבס און שטיצן נייע לייזונגען צו קאמפליצירטע פראגעס וועלכע וועלן פאראויס שטופן דעם הויפטשטאט ראיאן'ס רעפוטאציע פון ערפינדונג."

GE Vernova'ס פארגעשריטענע פארשונג צענטער אין ניסקאיונא (Niskayuna) האט א רעפוטאציע פון דורכברעכנדע טעכנאלאגיעס — אנגעהויבן פון גאז טורבינעס וועלכע זענען דעזיינט צו זיין די מערסטע ווירקזאם און שפארזאם אין די וועלט; ביז פארגעשריטענע אלגאריטעמס פאר די אויספלאנירונג, אפעראציעס און אויפהאלטונג פון א ווירקזאמע און שטאנדהאפטיגע גריד; און ביז קליינע צוזאמגעשטעלטע נוקלארע רעאקטארס; און 100-פראצענטיגע היידראודזשען פארברענען פאר קארבאן-פרייע עלעקטריציטעט אויפטרייבונג.

דער פראיעקט וועט שטיצן פארשונג און אנטוויקלונג באמיאונגען וועלכע רוקן פאראויס נייע ערפינדונגען און טעכנאלאגיעס אין די פעלד פון ריינע, ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע און אלטערנאטיווע ברענשטאף. GE Vernova וועט אויפבויען א פארגעשריטענע און ערשט-קלאסיגע לאבארעטאריע צו אראפטרייבן די ענערגיע באנוץ און די אינפראסטרוקטורישע קאסטן פון קארבאן אפכאפונג, בשעת'ן אנטוויקלען און אהערשטעלן ברענשטאף וואס קענען פארברענט ווערן פאר ענערגיע אן נוצן קארבאן. די פירמע'ס אינוועסטירונג וועט אויך גיבן פריאריטעט פאר פארשונג פון מולטי-טערמינאל היי-וואָלטעדזש דייערעקט קאָרענט — א יסודות'דיגע שיטה צו אויסברייטערן די מעגליכקייטן און פונקציאנירונג פון די פאראייניגטע שטאטן'ס עלעקטריציטעט גריד פון די צוקונפט. עס וועט אויך פארשטערקערן די מעגליכקייט צו פארבינדן מערערע מקורות פון עלעקטריציטעט אויפטרייבונג מיט די גריד. דורכן שטופן פאר פארשריט אין ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע, וועט די אינוועסטירונג העלפן רעדוצירן די קאסטן פון באנייבארע עלעקטריציטעט מקורות, מאכנדיג ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע ענערגיע מער אפּאָרדעבעל און צוגענגליך סיי פאר פריוואטע באניצער און סיי פאר ביזנעסער.

דורך די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA)'ס RechargeNY ביליגע עלעקטריציטעט פראגראם, איז GE Vernova געשאנקען געווארן 9,440 kW פון עלעקטריציטעט אין אויסטויש פאר אירע פארשפרעכן צו די סטעיט.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, Justin E. Driscoll (דזשאַסטין ע. דריסקאל), האט געזאגט,** "General Electric'ס רעפוטאציע פון ערפינדונג האט א שטארקע קשר מיט סקענעקטעדי קאונטי, און די 96 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט העלפן זיכער מאכן אז ריינע ענערגיע דזשאבס פון די צוקונפט פארבלייבן דא אין ניו יארק סטעיט. מיט שטיצע פון ביליגע הײדראָו-פּאַווער עלעקטריציטעט פון NYPA, וועט GE Vernova'ס איבערייטערונג העלפן אנטוויקלען און אנטדעקן נייע, טראנספארמאטיווע טעכנאלאגיעס וועלכע וועלן העלפן אראפנעמען אונזער סטעיט און אנדערע פון קארבאן באנוץ און פארשטערקערן אונזער עלעקטריציטעט גריד."

**סקענעקטעדי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער, Gary Hughes (גערי היוּס), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) און פאר עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייערע איבערגעגעבענע באמיאונגען וועלכע האבן געפירט צו די היסטארישע אינוועסטירונג אין GE Vernova'ס פארגעשריטענע פארשונג צענטער. די טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וועלן שאפן הײי-טעק דזשאבס, טרייבן עקאנאמישע וואוקס און פארשטערקערן אונזער שטאנד אלס א צענטער פאר ערפינדונג. מיר באדאנקען אונזער 'מעטראָו-פלעקס' מאנשאפט פארן ארבעטן צוזאמען מיט די ESD און מיר זענען שטאלץ אז GE זעצט פאר צו מאכן באדייטנדע אינוועסטירונגען אין סקענעקטעדי קאונטי."

**ניסקאיוּנא (Niskayuna) סופערווייזער, Erin Cassady-Dorion (ערין קעסעדי-דאריאן), האט געזאגט,** "מיר באדאנקען GE Vernova פארן מאכן די אינוועסטירונג און פארפליכטונג צו ניסקאיוּנא (Niskayuna)'ס פארגעשריטענע פארשונג צענטער. די טאַון וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט סטעיט און קאונטי שותפים צו פאראויס רוקן דעם פראיעקט, און מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייערע באמיאונגען וועלכע האבן געשפילט א וויכטיגע ראלע ביים דאס מאכן געשעהן."

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאַרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו עררייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן